# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50c. a Year.

VOL 39 - No. 3
NOVEMBER, 1955

# A Serious Case of Discrimination

by Solomon Birnbaum

IT HAPPENED in one of the new, rapidly-growing cities of South Africa.

A number of Jewish families had also settled in that territory, and one day they decided that it was high time for them to build a synagogue.

Following the example of the other religious bodies in their community, they sent a delegation to the City Hall to wait upon the Mayor and his Council to request a piece of land for that purpose.

The Baptists and the Presbyterians and several other denominations had been there before them and, as a matter of course, received a full acre of ground each for the erection of a church, a school and other facilities necessary for the furtherance of their respective religious interests.

Naturally, the Jewish representatives expected the same prompt response to their request and the same amount of space for the fulfilment of their religious needs.

NOT MORE THAN HALF AN ACRE OF LAND

To their surprise, all that the authorities would grant to them was not a full acre of land but only half that amount.

Needless to say, the Jewish people were bitterly disappointed. "Why?" they asked. "Is our religion not as good as theirs? Are we inferior to the Christians? Clearly this is a case of discrimination!" And they vowed not to rest till the wrong done to them was righted and the stigma of inferiority removed from them.

A few days later the Jewish delegation again waited upon the Mayor and his Council to air their grievance.

The city officials vigorously rejected the accusation that they were influenced by prejudice against the Jews. They insisted that their decision was made in all fairness and was in strict accordance with the merits of the case.

The Jewish spokesman was indignant. "What kind of fairness is that," he demanded, "giving to the others a whole acre each but to us, merely because we are Jews, only one half? Where are the merits of the case?"

The Mayor explained. "It was like this: The Christians, as you know, believe in the whole Bible, which consists both of the Old Testament and the New. You, however, who hold the Jewish religion, make it no secret that you believe only in the Old Testament—that is, half the Bible. Therefore the City Council judged that it was only fair that you be given not more than half the amount of space for your religion as was granted to the Christians."

"But we don't believe in only half the Bible!" the Jewish spokesman contradicted. "To us the Law of Moses with the Prophets is the **whole** Bible. It is the only Bible God has given us. The New Testament may be all right for the Christians, but it is not for us, who are Jews. Nowhere has God told us that we should believe in a New Testament. We, therefore, can have nothing to do with it."

At this moment one member of the Council rose to his feet and spoke as follows:

"I was the only dissenting voice, as you will remember, when this matter was voted upon. I am still of the same opinion. I am for treating the Jewish people in exactly the same manner as the Christians. A religion or its needs cannot be measured by the number of pages of a book—even though that book be the Bible.

WHERE HE DID NOT AGREE

"Nevertheless, I do not agree with the Jewish spokesman when he tells us that the New Testament may be all right for Christians and all wrong for Jews. Do Jews and Christians have different souls? Are they so different from each other that what is food for the one is poison for the other? This is a dangerous doctrine to hold. It opens the door to the very evil which we are so eager to combat.

"We Gentiles would have never heard of a New Testament had Jews not told us. It was a Jewish prophet who first prophesied concerning it. Then came Jewish preachers, traveling all over the known world, and persuaded us to receive it because through it the grace of God had appeared not to Jews only but to all men. Yet today, when we mention the New Testament to Jews, they raise their hands in horror and shout: 'No! No! It is not for us; we know nothing about it. We don't want anything to do with it!'

"What is the matter with the New Testament that they are so strongly opposed to it? Is it its teaching? Listen to a sample of it:

> Blessed are they which do hunger and thirst after righteousness: for they shall be filled.
> Blessed are the merciful: for they shall obtain mercy.
> Blessed are the pure in heart: for they shall see God.
> Blessed are the peacemakers: for they shall be called the children of God (Matthew 5:6-9).

"These words are words of love and compassion; of forgiveness and holiness. How can anyone in his right mind object to a book which contains them and many others like these?

"Maybe it is the miracles in the New Testament that are the stumbling block. But the miracles in the Books of Moses and the Prophets are not less miraculous than they. On the contrary, the very first verse of the Old Testament, **'In the beginning God created the heavens and the earth,'** speaks of a miracle which includes and surpasses all other miracles recorded anywhere in and outside the whole Bible. Moreover, the miracles of the New Testament are not just sprung upon the world unexpectedly or unprepared. They are **fulfilments** of promises which are contained in the Old. The Old Testament

## Can a Jew Believe the New Testament?

**When a Jew is asked to express an opinion on the New Testament, he usually does so without ever having read it. Would you like to read what a former Rabbi has to say on what he discovered after a careful study of the New Testament? Send us 5¢ in stamps to cover cost of mailing and handling and ask for our folder, "Can a Jew Believe the New Testament?"**

**THE SHEPHERD OF ISRAEL, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.**

Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y. Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

is as much implicated in them as the New."

A BIBLE FROM HIS POCKET

"Where in the Bible did God promise a New Testament to the Jews?" the Jewish spokesman challenged. "I never saw it there."

In answer the other pulled a Bible from his pocket, opened it and read:

> Behold, the days come, saith the Lord, that I will make a new covenant (or testament) with the house of Israel, and with the house of Judah (Jeremiah 31:31).

"That is not in our Bible!" the Jewish spokesman cried. "You are reading from your own, the Christian Bible! It is not in ours, the Bible which we read in the synagogue."

Someone produced a Jewish or synagogue Bible, opened it and, surely enough, that prophecy was there exactly the same, word for word.

"I admit I made a mistake," the Jewish spokesman apologized. "But," he continued, "you Christians read into it your own interpretation. We Jews, too, have holy books written by our learned Rabbis. Any one of them could well be the New Testament spoken of here by the prophet."

Thereupon the Council member who acted as chief speaker for the city rose again:

"There is only one book in the whole world of literature," he said, "which bears the title, 'The New Testament.' No human author, to this day, having written a book, presumed to call it by that name. God Himself, it seems, has restrained the hand of man from tampering with that name, so that it forever may stand unchallenged as the name for the only record of the Covenant which God had made with the house of Israel and with the house of Judah."

As this speaker sat down, another Council member rose and added:

THE CHRISTIAN IS PUZZLED

"For the life of me I cannot understand this strange attitude towards the New Testament on the part of the Jewish people. To every human action there must be some compelling motive. What is the motive behind this attitude?

"Is it to please God? But how can one imagine that he pleases God if he so ungraciously rejects His gift? Such an action is certainly not calculated to please either God or man.

"Is it to honor the prophets? This is a strange way of honoring them. First, they don't take the trouble to find out what they say; and then when confronted with their words they employ every means at their disposal to discredit them.

"But perhaps it is for the sake of material gain—indeed, much material profit did they gain by rejecting the New Testament!—nothing but loss and suffering and persecution through the last twenty centuries!

"True, ignorant and fanatical Gentiles, falsely calling themselves Christians, persecuted, maltreated, and killed many Jews. Then why not have it out with those persecutors and fanatics? Why do they turn against the gifts and mercies of their own God? Why do they reject the New Testament which God has offered to them as their own? Why do they endeavor to discredit their own prophets and their own Messiah? This is something which I cannot fathom. . . ."

Thus the debate ran on and on. The outcome, however, was that in regard to their request they gained their point and, like the Christians, received a full acre of land; while in regard to the other questions the debate still continues. . . .

NOW SUPPOSE —

Suppose the Jews did accept the New Testament, what would happen to their people? Would they, as a result, cease to be Jews?

Not at all! Why should they? If they believed in their own prophets, their own New Testament, their own Messiah, they would then do, no more or no less, what every loyal and God-fearing Jew is supposed to do. And thus instead of being less Jewish, they would be better, more complete Jews.

Suppose, further, Jews became followers of the Lord Jesus Christ as their Messiah, what would happen to Yom Kippur, the Passover, and the other Jewish observances?

Nothing would happen, excepting that there would be a better understanding of their meaning and a more complete fulfilment of their purpose.

Yom Kippur means a day of forgiveness. In the Law of Moses the terms on which God forgave the sins of His people are clearly stated: first of all, it is obedience to, and complete fulfilment of, His Law. But because of man's failure to live up to the requirements of the Law, Israel was commanded to bring sacrifices in the temple at Jerusalem. In His directions as to how they should be offered God said the following:

> For the life of the flesh is in the blood: and I have given it to you upon the altar to make an atonement for your souls: for it is the blood that maketh an atonement for the soul (Leviticus 17:11).

God's requirement, then, for forgiveness of sins is the offering of the blood of the sacrifice on His altar.

But you say: "The day is gone when we could offer such sacrifices. We have no temple, no altar, no priesthood; and Jerusalem is in the hands of the enemy."

This is tragically true. All the things connected with the Old Covenant are no more. But this is only another way of saying that the Old Covenant was broken, destroyed. And this is exactly the reason given in this prophecy of Jeremiah why the New Testament is offered. It is God's provision for our days, scattered as we are all over the world, without temple, without sacrifice, without an altar—so that His people may not at any time be without forgiveness of sins, without fellowship with God, without atonement.

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

Established by Leopold Cohn in 1894



HEADQUARTERS

LEOPOLD COHN MEMORIAL BLDG.

236 WEST 72nd STREET
NEW YORK 23, N. Y.

God's offer of His New Testament or New Covenant (the Hebrew word for both is the same) concludes with the following words:

> For I will forgive their iniquity, and I will remember their sin no more (Jeremiah 31:34).

Thus for our present day and age the New Testament takes the place of the Old for forgiveness of sin and atonement.

A PATCHWORK OF BROKEN PIECES

But the Rabbis went, picked up a few pieces of the Old Covenant which was broken (the prophetic term is "shattered in pieces," Jeremiah 31:32), patched them together and said: "We don't need a New Testament. We have enough pieces of the Old to keep us busy." And this patchwork they presented to their people as the true orthodox Jewish religion!

Indeed, it was the Jewish religion in the sense that it was manufactured by Jewish hands. But it is not God's gift to His people, nor has it the promise or assurance from God that by the doing of it there will be forgiveness and atonement!

Now the choice that stands before us is as follows:

On one hand, there is the New Testament which is God's provision for atonement and forgiveness of sin; on the other there is the Rabbinical patchwork without divine authority or promise.

Which will be your choice?

> I have set before you (God is saying) life and death, blessing and cursing: therefore choose life, that both thou and thy seed may live (Deuteronomy 30:19).

In God's provision there is life and hope, but man's ways end in death and in despair.

What has been said with regard to Yom Kippur equally applies to the Feast of Passover and many other Jewish observances which, in the Old Covenant, center around the temple and the altar. They belong to the Covenant which was broken and done away with.

Now we live in the days of the New Covenant which God has made with His people, so that we today as in the past and in all places of our habitation may have fellowship with Him through forgiveness of sin.

ברית חדשה נישט אַנטשטאַנען אונדערוואַרטעט און אָן צוגרייטונג. זיי זענען דערפילונגען פון הבטחות אַנטהאַלטן אינם תנ"ך."

## אַ ביבעל פון דער קעשענע

„ווו אין דער ביבעל האָט גאָט צוגעזאָגט אַ נייעם טעסטאַמענט פאַר יידן?" האָט דער יידישער וואָרט־פירער אויפגעפאָדערט. „איך האָב עס קיינמאָל נישט געזען."

אין ענטפער האָט דער אַנדערער אַרויסגעצויגן אַ ביבעל פון זיין קעשענע, זי אויפגעעפנט און געלייענט:

> זע, טעג קומען, זאָגט דער האַר גאָט, אַז איך וועל מאַכן אַ נייעם בונד (טעסטאַמענט, ברית) מיטן הויז פון ישראל, און מיט דעם הויז פון יהודה. (ירמיה 31:31)

„דאָס איז נישט אונזערע ביבעל!" האָט דער יידישער וואָרט־פירער געשריגן, „איר לייענט פון אייער אייגענער קריסטלעכער ביבעל, נישט אונזערע, די ביבעל וועלכע מיר לייענען אין שול."

עמיצער האָט געבראַכט אַ יידישע אָדער די שול ביבעל, געעפנט און קלאָר די נבואה איז דאָרט געווען פונקט דיזעלבע וואָרט פאַר וואָרט.

„איך וועל נאָכגעבן אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות," האָט זיך דער יידישער וואָרט־פירער אַנטשולדיקט. „אָבער איר קריסטן לייגט אין דעם אַריין אייערע אייגענע אינטערפּרעטאַציע. מיר, יידן, האָבן אויך הייליקע ביכער געשריבן ביי אונזערע געלערנטע רבנים. עס קאָן זיין אַז איינס פון די ביכער איר דער נייער טעסטאַמענט פון וועלכן עס רעדט דאָ דער נביא."

דאַן איז דער ראַט־מיטגליד וועלכער איז איצט געוואָרן דער וואָרט־פירער פאַר דער שטאָט־ראַט ווידער אויפגעשטאַנען:

„פאַראַן נאָר איין בוך אין דער גאַנצער וועלט ליטעראַטור," האָט ער געזאָגט, „וואָס רופט זיך ,דער נייער טעסטאַמענט.' קיין מענטשלעכער אויטאָר, ביז היינטיקן טאָג האָט נישט געוואַגט צו רופן זיין בוך ביי אָט דעם נאָמען. עס זעט אויס אַז גאָט אַליין האָט נישט דערלויבט אַז מען זאָל נאָכפעלשן דעם נאָמען, אַזוי אַז עס זאָל אויף אייביק פאַרבלייבן דער איינציקער באַריכט פון דעם בונד וואָס גאָט געמאַכט מיטן הויז פון ישראל און מיטן הויז פון יהודה."

ווען דער רעדנער האָט זיך אַנידערגעזעצט, איז אַן אַנדערער ראַט־מיטגליד אויפגעשטאַנען און צוגעגעבן:

## אַ רעטעניש פאַרן קריסט

„דורך מיין גאַנצן לעבן האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין די מאָדנע באַציאונג פונם יידישן פאָלק צום ברית חדשה. יעדע מענטשלעכע טאַט האָט אַ מאָטיוו. וואָס קאָן זיין דער מאָטיוו פון דער באַציאונג?

„איז עס כדי גאָט צו געפעלן? אָבער וויאַזוי קאָן עמיצער זיך פאַרשטעלן אַז ער געפעלט גאָט ווען ער פאַרוואַרפט גאָטס גאַבע? אַזאַ האַנדלונג איז זיכער נישט ווילגעפעליק פאַר גאָט און פאַר מענטשן.

„איז עס אפשר כדי צו ערן די נביאים? אָבער דאָס איז אַ מאָדנער אופן זיי אַזויאַרום צו ערן. ערשטנס נעמט מען זיך נישט די מי אויסצוגעפינען וואָס די נביאים זאָגן; און ווען מען שטייט שוין פנים אל פנים מיט זייערע ווערטער זוכט מען אויס פאַרשידענע אופנים וויאַזוי זיי צו מאַכן ווערטלאָז.

„אָבער איז עס אפשר פאַר מאַטעריעלן געווינס — אָבער מען געווינט גאָרנישט ווען מען פאַרוואַרפט דעם נייעם טעסטאַמענט, אחוץ ליידן און פאַרפאָלגונג דורך די גאַנצע צוואַנציק יאָרהונדערטער.

„אמת איז, אַז פאַנאַטישע און אומוויסנדע גויים, פאַלש רופנדיק זיך קריסטן, האָבן פאַרפאָלגט, מיסבאַהאַנדלט און אויסגעקוילעט אַ סך יידן. אָבער דאַן פאַרוואָס נישט ענדיקן מיט זיי און זיי אויפווייזן זייער שלעכטס? פאַרוואָס פאַרוואַרפן זיי דעם ברית חדשה וואָס גאָט האָט זיי געגעבן? פאַרוואָס זוכט מען צו מאַכן ווערטלאָז די ווערטער פון די נביאים און זייער אייגענעם משיח? דאָס איז אַ זאַך וואָס איך קאָן נישט פאַרשטיין . . ."

און אַזוי איז די דעבאַטע אַנגעגאַנגען. דער רעזולטאַט איז געווען אַז די יידן האָבן געקריגן דאָס וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, און ווי די קריסטן דערהאַלטן אַ פולן אַקער לאַנד. וואָס אַנבעלאַנגט אָבער דער אַנדערער פראַגע, גייט די דעבאַטע נאָך אַלץ אָן . . .

## נון שטעל דיר פאָר . . .

שטעל דיר פאָר אַז די יידן וואָלטן יאָ אָנגענומען דעם נייעם טעסטאַמענט, וואָס וואָלט געשען מיט זיי? וואָלטן זיי, אַלס אַ רעזולטאַט דערפון, אויפגעהערט צו זיין יידן?

ניין, קיינמאָל נישט! פאַרוואָס זאָלן זיי? אויב זיי וואָלטן געגלויבט זייערע אייגענע נביאים, זייער אייגענעם ברית חדשה, זייער אייגענעם משיח דאַן וואָלטן זיי געטון דאָס וואָס אַ גאָטס־פאָרכטיקער ייד דאַרף טון. און דאַריבער אָנשטאָט צו ווערן וויניקער יידן וואָלטן זיי געוואָרן מער פולקאָמענע יידן.

נון, לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן אויב יידן וואָלטן געוואָרן נאָכפאָלגער פון ישוע המשיח, וואָס וואָלט געשען מיט יום־כיפור, פסח און אַנדערע יידישע מינהגים?

גאָרנישט וואָלט געשען, אחוץ דעם וואָס זייער באַדייטונג וואָלט געוואָרן קלאָרער און אַ פולקאָמענערע דערפילונג פון זייער ציל.

יום כיפור באַטייט אַ טאָג פון פאַרגעבונג. אין דער תורה האָבן מיר קלאָר די באַדינגונגען וויאַזוי גאָט פאַרגיבט: ערשטנס, געהאָרכזאַמקייט און פולקאָמע דערפילונג פון דער תורה. אָבער ווייל עס איז אוממעגליך געווען צו דערפילן אַלע מצוות, האָט מען דערפאַר געגעבן אַ געבאָט צו ברענגען קרבנות צום בית המקדש אין ירושלים. אין זיינע אָנווייזונגען וויאַזוי די קרבנות דאַרפן אויפגעאָפּפערט ווערן האָט גאָט אַזוי געזאָגט:

> וואָרעם דאָס לעבן פון יעדן פלייש איז אינם בלוט; און איך האָב עס אייך געגעבן אויפן מזבח כדי מכפר צו זיין פאַר אייערע זעלן: וואָרעם דאָס בלוט איז מכפר פאַר דער זעל. (ויקרא 11:17)

מיר זען דערפון אַז גאָט פאַרלאַנגט דאָס פאַרגיסן פונם בלוט פון דעם קרבן אויפן מזבח פאַר די פאַרגעבונג פון זינד.

אָבער וועסטו זאָגן: „די צייטן זענען שוין פאַרביי ווען מיר האָבן געקאָנט ברענגען קרבנות. מיר האָבן איצט נישט קיין בית המקדש. קיין מזבח, קיין כוהנים; און ירושלים איז אין דער האַנט פונם שונא."

דאָס איז אַ טראַגישער אמת. אַלע זאַכן וואָס האָבן געהאַט צו טון מיטן אַלטן בונד זענען פאַרגאַנגען. אָבער דאָס הייסט נאָר אַז דער אַלטער בונד איז געוואָרן צעשטערט. און דאָס איז אייגענטלעך די אורזאַך אין ירמיהוס נבואה פאַרוואָס גאָט מאַכט מיט אונז אַ נייעם בונד. עס איז גאָטס פאַרזאָרגונג פאַר אונזערע צייטן. ווען מיר זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אָן אַ בית המקדש, אָן אַ קרבן, אָן אַ מזבח — אַזוי אַז כדי זיין פאָלק זאָל קיינמאָל נישט פאַרבלייבן אָן זינדן־פאַרגעבונג, אָן געמיינשאַפט מיט גאָט, אָן אַ כפרה. גאָטס גאַבע פונם ברית חדשה אָדער נייעם טעסטאַמענט ענדיקט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

> וואָרעם איך וועל פאַרגעבן זייערע זינד און זייערע חטאים וועל איך מער נישט דערמאָנען. (ירמיה 34:31)

אַזויאַרום איז עס, אַז פאַר די היינטיקע צייטן, נעמט דער נייער טעסטאַמענט דעם פּלאַץ פונם אַלטן פאַר דער פאַרגעבונג פון זינד און פאַר כפרת עוונות.

## אַ שיברי־כלי פון צעבראָכענע שטיקער

אָבער די רבנים האָבן אויסגעקליבן אַ פּאָר שטיקלעך פונם אַלטן טעסטאַמענט וואָס איז צעבראָכן געוואָרן (אין העברעאיש „הפרו צעבראָכן אויף שטיקלעך") האָבן זיי צוזאַמען־געשטיקעוועט און געזאָגט: „מיר דאַרפן קיין נייעם טעסטאַמענט. מיר האָבן גענוג שטיקלעך פונם אַלטן צו פאַרנעמען די צייט." אָט די שברי־כלי האָט מען פאַרגעלייגט פאַרן פאָלק אַז דאָס איז די אמתע יידישע אָרטאָדאָקסישע רעליגיאָן!

אמת, עס איז אויף אַזוי פיל יידישע רעליגיאָן אינם זינען אַז דיזאָזיקע רעליגיאָן איז פּראָדוצירט געוואָרן דורך יידישע הענט. אָבער דאָס איז נישט גאָטס גאַבע פאַר זיין פאָלק, און האָט נישט גאָטס הבטחה אַז דער וועלכער וועט אַזוי טון וועט האָבן אַ פאַרגעבונג און אַ כפרה.

פון דער איינער זייט, האָבן מיר דעם ברית חדשה וואָס איז גאָטס פאַרזאָרגונג פאַר אַ כפרה און זינדן־פאַרגעבונג; פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר די שברי־כלי פון די רבנים אָן געטלעכער אויטאָריטעט אָדער הבטחה.

וועלכעס וועסטו אויסוויילן?

> זע איך גיב פאַר אייך (זאָגט גאָט) לעבן און טויט, בענטשונג און פלוך: דעריבער וויל אויס לעבן, אַזוי אַז דו און דיין זאָמען זאָלן לעבן. (דברים 19:30)

אין גאָטס פאַרזאָרגונג איז דאָ לעבן און האָפענונג, אָבער דעם מענטשנס אייגענע וועגן פירן צום טויט און צו פאַרצווייפלונג.

דאָס וואָס מיר האָבן דערמאָנט אויבן וועגן יום־כיפור באַציט זיך אויך צו פסח און אַנדערע יאָמטווים, וועלכע זענען אינם אַלטן טעסטאַמענט צענטראַליזירט אַרום דעם בית המקדש און דעם מזבח. זיי געהערן צו דעם בונד (טעסטאַמענט) וועלכער איז צעבראָכן געוואָרן.

איצט לעבן מיר אין די צייטן פונם נייעם טעסטאַמענט (בונד) וועלכן גאָט האָט געמאַכט מיט זיין פאָלק, אַזוי אַז מיר קאָנען איצט אַזוי ווי אין דער פאַרגאַנגנהייט און אומעטום ווו מיר געפינען זיך האָבן געמיינשאַפט מיט אים דורך דער פאַרגעבונג פון אונזערע זינד.

# א מערקווירדיקער פאל פון דיסקרימינאציע


אנכי
הוא
הרעה
הטוב
יוחנן 10־11

## רעה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל
דעם אמת׳דינען משיח

## The Shepherd of Israel

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE
OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

והקמתי
עליהם
רעה
אחד
יחזקאל ל״ד, 23

Subscription Price
50c. a Year.

VOL 39 - No. 3
NOVEMBER, 1955


א מערקווירדיקער פאל פון דיסקרימינאציע

סאלאמאן בירנבוים

געשען איז עס אין איינע פון די נייע, שנעל־וואקסענדע שטעט פון זיד אפריקע.

א צאל יידישע פאמיליעס האבן זיך אויך באזעצט אין דעם געגנט, און אין א געוויסן טאג האבן זיי אנטשידן אז עס איז שוין די העכסטע צייט צו בויען א שול.

נאכפאלגנדיק דעם ביישפיל פון אנדערע רעליגיעזע קערפערשאפטן אין זייער ראיאן, האבן זיי אוועקגעשיקט א דעלעגאציע צו דער שטאט פארוואלטונג אז מען זאל זיי געבן א שטיקל לאנד פאר דעם צוועק.

די באפטיסטן און די פרעסביטעריאנער און אנדערע רעליגיעזע קערפערשאפטן זענען שוין געווען פאר זיי און יעדער פון זיי האט שוין געקרוגן איין אקער לאנד פארן אויפבויען פון א קירכע, א שולע און אנדערע באקוועמלעכקייטן וועלכע זענען נויטיק פארן גוט פון זייערע באזונדערע רעליגיעזע אינטערעסן.

נאטירלעך האט די יידישע דעלעגאציע דערוואַרטעט אז זייער בקשה וועט גיך דערפילט ווערן און אז זיי וועלן באקומען דעמזעלבן שטח לאנד פאר זייערע רעליגיעזע נויטווענדיקייטן.

### נאר א האלבן אקער לאנד

צו זייער דערשטוינונג, אבער, האט די שטאט־פארוואלטונג זיי נישט געוואלט געבן מער ווי א האלבן אקער לאנד.

נאטירלעך, די יידן זענען געווען ביטער אנטטוישט. „פארוואס?" האבן זיי געפרעגט. „איז דען אונזער רעליגיאן נישט אזוי גוט ווי זייערע? זענען מיר דען נידעריקער פון די קריסטן? עס שיינט קלאר אז עס איז א פאל פון דיסקרימינאציע!" און זיי האבן א נדר געטאן נישט צו רוען ביז יושר וועט געפונען ווערן פאר דער קריוודע וואס איז זיי אנגעטון געוואָרן.

א פאר טעג שפעטער איז די יידישע דעלעגאציע ווידער אוועק צו דער שטאט פארוואלטונג און געוואַרט אויפן פרעזעס און זיין ראט כדי אויסצוטענהן פאר אים זייער באליידיקונג.

דער שטאט ראט האט אפגעוואַרפן די באשולדיקונג אז זיי האבן עס אזוי געטון ווייל זיי זענען געווען באאיינפלוסט מיט פאראורטייל קעגן יידן. זיי האבן באהויפטעט אז זייער אנטשיידונג איז א פולקאם יושרדיקע לויט די פארדינסטן פון יעדן פאל.

דער יידישער הויפטרעדנער איז געוואָרן אויפגעבראכט. „סארא יושר איז דאס," האט ער געפאדערט, „צו געבן יעדן א פולן אקער לאנד אחוץ אונז, און דערפאר ווייל מיר זענען יידן גיט מען אונז נאר א האלבן אקער? ווו איז דער יושר?"

דער שטאט פרעזעס האט אויפגעקלערט. „די זאך איז אזוי די קריסטן ווי איר ווייסט, גלויבן אין דער גאנצן ביבעל, וואס אנטהאלט דעם אלטן טעסטאמענט (תנ"ך) און דעם נייעם. איר, אבער, וואס האלט די יידישע רעליגיאן, גלויבט נאר אינם אלטן טעסטאמענט — דאס הייסט, א האלבן ביבעל. דעריבער האט דער שטאט־ראט גערעכנט אז עס איז יושרדיק אז איר זאלט נאר האבן א האלבן שטח פאר אייער רעליגיאן אין פארגלייך מיט די קריסטן."

„אבער מיר גלויבן נישט אין א האלבן ביבעל!" האט דער יידישער ווארטפירער פארלייקנט. „פאר אונז איז תורת משה מיט די נביאים די גאנצע ביבעל. עס איז די איינציקע ביבעל וועלכע גאט האט אונז געגעבן. דער נייער טעסטאמענט קען זיין גוט פאר די קריסטן, אבער נישט פאר אונז יידן. גאט האט אונז קיינמאל נישט געהייסן גלויבן אין א נייעם טעסטאמענט."

אין דעם מאמענט איז א מיטגליד פונם שטאט־ראט אויפגעשטאנען און אזוי געזאגט:

„ווי איר וועט זיך דערמאנען, בין איך געווען דער איינציקער וואס האט נישט מיטגעשטימט ווען די זאך איז אנטשידן געווארן. איך האלט אז מען דארף יידן באהאנדלען פונקט אזויווי קריסטן. א רעליגיאן אין אירע נויטבאדערפנישן קאנען נישט אנטשידן ווערן לויט די צאל בלעטער פון א בוך— מעג עס אפילו זיין אזא בוך ווי די ביבעל."

### ווו ער האט נישט איינגעשטימט

„דאך, איך שטים נישט איין מיטן יידישן ווארטפירער וועלכער זאגט אז דער ברית חדשה (נייער טעסטאמענט) קען זיין גוט פאר קריסטן אבער נישט פאר יידן. האבן דען יידן און קריסטן אנדערע זעלן? זענען זיי דען אזוי פארשידן אז דאס וואס איז שפייז פאר איינעם איז גיפט פארן אנדערן? אזא לערע איז געפערלעך, ווארעם עס עפנט אויף די טירן פאר דאס שלעכטע וועלכעס מיר באמיען זיך צו באקעמפן."

„מיר גויים וואלטן קיינמאל נישט געווען געהערט פון א נייעם טעסטאמענט וואלטן יידן אונז נישט דערציילט דערפון. א יידישער נביא איז געווען דער ערשטער וועלכער האט וועגן דעם נביאות געזאגט. דערנאך זענען געקומען יידישע פרעדיקער, און געררייזט איבער דער גאנצער דעמאלט באקאנטער וועלט, און האבן אונז באוויזן עס אנצונעמען, ווארעם דורך דעם איז די גנאד פון גאט אנטפלעקט געווארן נישט נאר פאר יידן אבער פאר אלע מענטשן. דאך הייטצוטאג ווען מיר דערמאנען דעם נייעם טעסטאמענט פאר יידן, הייבן זיי אויף די הענט מיט שרעק און שרייען: ‚ניין, ניין! עס איז נישט פאר אונז; מיר ווייסן גארנישט וועגן דעם. מיר ווילן מיט דעם גארנישט האבן צו טון'."

וואס איז דען אזוינס מיטן נייעם טעסטאמענט אז זיי זאלן אזוי שטארק זיין דאקעגן דעם? איז עס אפשר די לערע? הערט אן אויסצוג פון דעם בוך:

> געבענטשט זענען די וואס הונגערן און דארשטן נאך גערעכטיקייט; ווארעם זיי וועלן געזעטיקט ווערן.
> געבענטשט זענען די בעלי־רחמנות; ווארעם אויף זיי וועט מען זיך מרחם זיין.
> געבענטשט זענען די לויטערע אין הארץ; ווארעם זיי וועלן גאט זען. געבענטשט זענען די רודפי־שלום; ווארעם זיי וועלן אנגערופן ווערן קינדער פון גאט. (מתי 5:6־9)

„דיזאזיקע ווערטער זענען ווערטער פון ליבע און דערבארמונג; פון פארגעבונג און פון הייליקייט. וויאזוי קאן עמיצער מיט קלארע געדאנקען זיין אקעגן א בוך וועלכעס אנטהאלט דיזאזיקע און אנדערע אזעלכע ווערטער?

„אפשר זענען עס די ניסים אינם ברית חדשה וועלכע זענען אן אנשטויס. אבער די ניסים אין תורת משה און די נביאים זענען נישט ווייניקער אויסער־געוויינטלעך ווי דיזאזיקע. פארקערט, דער ערשטער פסוק אינם תנ"ך, ‚אין אנהויב האט גאט באשאפן די הימלען און די ערד,' רעדט פון א נס וואס שליסט איין אלע אנדערע ניסים וועלכע זענען ווו עס באשריבן געווארן אין און אויסער דער גאנצער ביבעל. באזונדערס, זענען די ניסים אינם

Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.